Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

בכ.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## כב.

די פעולה פון זיין ראַנגלען זיך מיט מיר די ערשטע טעג איז געווען, אז זי האט אריינגעגעבן מיין טאטן פארשטאנד צו ענדערן ביסלעכווייז די „טאקטיק" אין זיין באציאונג צו מיר און פאַרבייטן דעם שטרענגען כעס מיט אַן איבער קער ליב- לעכקייט, וואס האט מיר ווי געטאָן. פאַרשטייט זיך, נאכמער פון זיין שטרענגקייט. דעם עיקר חסרון מיינעם האט ער איינ- געפונען אין מיין „עקשנות", וועלכע האט זיך ביי מיר אַנט- וויקלט, ווייל איך האב זיך געפונען אין א שלעכטער געזעל- שאפט און ווייל איך האָב זיך אריינגעטאָן אין נישט-גוטע ביכער, אין ביכער, וואס פארדרייען דעם קאָפּ, אָבער „אין תוך אריין האב איך א יידיש הארץ צו פילן דעם צער פון מיינע עלטערן, וועלכע פארלאנגען מיין גוטס". דאס זעט ער בחוש, און דעריבער וועט זיין לייכט מיך אומצוקערן אויפן גלייכן וועג ארויף דורך ווייכע רייד און דורך סימנים פון ליבע. אויף אים ליגט בלויז דער חוב מיך צו דערווייטערן אויף ווי ווייט מעגלעך פון יענעם מין מענטשן און פון יענע בי- כער. און דעריבער, ביי דעם נייעם קורס, אפילו ווען ער פלעגט מיך אמאָל דערנידעריקן מיט זיינע רייד, איז עס גע- ווען נישט מער ווי בלויז, כדי מיך ווייכער צו מאכן און מאכן פון מיר א שוואם, וואס נעמט אויף זיין מוסר. בכלל האָט ער זיך אנגעהויבן אנשטרענגען צו רעדן מיט מיר נישט מיט קיין טאָן פון א הערשער און באפעלער; נאָר ווי א גוטהאר- ציקער ראטגעבער, פלעגט ער מיך איינרעדן צו לערנען יעדן טאָג א שיעור גמרא, נישט צו פארברענגען דערויף די גאנצע צייט, — חלילה, ער איז נישט ישראל דחדקי-מלמד,

ר'זאָל דאָס פארלאנגען, נאָר אזוי זיך... עטלעכע שעה אַ טאָג, בלויז כדי איך זאָל נישט פארגעסן דאָס, אויף וואָס איך האָב פארבראכט מיין גאנץ לעבן...

די צווייטע סעודה פון יענעם שבת איז שוין אַ דורך בשלום. ער האָט לאַנג גערעדט מיט פאַרשיידענע מליצות וועגן די „מחשבות זרות", וואָס קומען אים אין קאָפּ אַריין ביי שמונה-עשרה דאווענען. ער זעט אין זיין פאנטאזיע מיין צוקונפט: מיין שווער איז אַ מיוחסדיקער גביר... אלע זענען מקנא מיין גליק... און אויך אים, דעם מלמד, איז גוט צוליב מיר.

דערנאָך, ווען דער טאַטע האָט אויסגעטאָן זיין קאַפּאָטע, כדי צו האָבן אַ תענוג פון שבתדיקן שלאָף און די מאמע האָט אָפּגעטרייסלט די ברעקלעך חלה פונם טיש און זי האָט ווידער גענומען לייענען דעם „צאינה וראינה", האָט דער טאטע גע-פרובט צו פארטיפערן זיין געשפרעך און מיך אויסצופרובן מיט כיטרעקייט: וואָס וואָלט איך געזאָגט, למשל, ווען, עס וואָלט זיך געפונען דאָ אין צ., עפּעס אזוינס, וואָס ער זעט אין זיין פאנטאזיע? און וויבאלד ער האָט אָנגעהויבן שאַרן קוילן, האָט ער זיך שוין נישט אָפּגעהאלטן, האָט ער זיך שוין נישט גע-קענט אָפּהאלטן, פון זיין חשק מיך אויסצושטראָפן און ר'האָט אָנגעהויבן:

— אָבער קוק זיך איין, יהודית, ווי די זאך וואלט אים נאָרנישט געווען נוגע...

אָבער אין דערזעלבער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און אין שטוב זענען אַריינגעקומען עובדיה און יעקב. די קינדער האָבן זיך תיכּף באהאלטן; די מאמע מיט איר „צאינה וראינה" איז אין אַן אויגנבליק נעלם געוואָרן; און ערשט, שפּעטער, ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט פון זייער באהעלטעניש, כדי אָנצוקוקן די אריינגעקומענע, און אז די מאמע איז שוין אַ ביסל געקומען צו זיך און האט זיך בא-רואיקט, האָט זי אויסגעדריקט פון לעם-אויוון ארויס, איר בייער זיך אָרט, אירע געפילן: אַ דאנק גאָט, אין מיין זכות זעט זי אויך אָן מענטשן. מיין ווערט איז דערהויבן געוואָרן

אין אירע אויגן דורך דעם באזוך פון די חשובע און טייערע געסט, וועלכע זי האָט נישט, דו איר אומגליק, אַ חוץ מיט שבחדיקן טיי, מיט וואָס מכבד צו זיין. מיין פאָטער האָט זיך אמת באמיט פון זיין זייט ארויסצוווייזן, אז זייער קומען צו אונז האלט ער פאר אָפּגעצאָלט אַ חוב פון זייער זייט און נישט פאַר עפּעס אַ באזונדערן כבוד; אָבער פונדעסטוועגן איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און איז צוגעשטאַנען צו אונזער געזעלשאפט, און אגב האָט ער זיך אָן מיר אַ ריר געטאָן און מיר איינגערוימט: „נו, פארוואָס בעטסטו נישט זיצן?.. וואָס שווייגסטו"?..

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז מיינע געסט פילן זיך נישט איבעריק גוט, אָבער איך האָב נישט געוואוסט, מיט וואָס צו פאריכטן די לאגע. און דאקעגן האב איך געוואוסט, אז דער שמועס וועט זיך באלד אָנהויבן מיט דער פראגע, צי זענען פאראן נייעס אין .N, וואָרום איך בין דאָך צוריקגעקומען אויסוואנדערנדיק די וועלט; דערנאָך וועט קומען די פראגע: פארוואָס איך בין נישט מספים אויף אלימלכס פארשלאג? ווידער — וואס פאר א מיינונג האב איך באמת וועגן ציוניזם? און צום סוף — א ביטע, כ'זאל זיי אויך באזוכן ביי זיי אינדער-היים, פאר דעם גוטס, וואס זיי האָבן מיט מיר געטאָן באַ-זוכנדיק מיך ביי מיר אינדערהיים. און דעריבער האב איך געשמייכלט, און געשמייכלט פון מיין שמייכלען, און איך האב גערעדט, אז אין דער וועלט איז פאראן א „יידן-פראגע" און דער ציוניזם קומט לעזן דידאזיקע פראגע, אז די ערגסטע און געפערלעכסטע זאך איז דער יאוש און אז די יוגנטלייט, וועלכע שפירן אין זיך א באגער און כוח צו ארבעטן לטובת זייער פאלק, דארפן זיך נישט מייאש זיין און זיי זענען מחויב צו ארבעטן אומערמידלעך, כדי אויסצופילן דעם מאנגל, וואס קומט צוליב די קליינלעכע, פוסטע, פוילע און פארצווייפלטע...

מיין טאטע האט געוואלט נאך מער מיך ציען ביי דע-צונג, אויסשעפן מיין חכמה און אבאווייזן זי פאר דער גאנצ ר

וועלט, און דיראַזיקע רבֿ זיינע האט ער אויסגעפירט גע-ווייסנהאפטיק: כּדי מיר געבן אַ געלעגנהייט פאר אַקלוגער און איבעראשנדיקער תּשובה, האָט ער זיך געפּרובט באַנוצן מיט אַלע מיטלען:

— און נאָך דעם אַלעמען, ירמיה, וואס ענטפערסטו דו דערויף?

— וואָס?

— איך פארשטיי נישט... דו זאגסט: אויסצובעסערן אונ-זער לאגע, אונזער לעבן איז שלעכט, „נארמאל", אדער ווי דו זאגסט עס דארטן. בקיצור, ס'איז אַלץ אמת און ריכטיק... אבער ווען קען די זאך קומען צו אַ סוף?.. ע־ע.. איך וויל וויסן... וואס איז עס דאס אַלץ? מירן דאך סוף כּל סוף שטארבן... אַ? מירן דאך שטארבן?..

— נו?

— דאס איז מיין פראגע... איך וויל וויסן...

— וועגן „השארת הנפש"?

— ניין... דו... נו, לאמיר טרינקען טיי..

ווען די געסט זענען אוועקגעגאנגען און מיר זענען געבליבן אַליין, איך און ער, איז ער געווען אין ספק: צי ס'פאסט אים אויסצודריקן צופרידנהייט פון די רעיונות, וועלכע כ'האָב ארויסגעזאָגט און פון דער מאָס פון פארשטענדיקייט, וואָס איך האב ארויסגעוויזן, צי אפשר זאל ער זיך באציען דערצו נעגאטיוו, וואָרום כּל סוף האָב איך זיך נישט אויס-נעצייכנט אין אזא מאָס, ווי ער האָט געהאָפט?

צומלעצט, ווען מיר זענען געגאנגען דאווענען מנחה, האָבן גענומען טריפן, ווי טוי, זיינע רייד:

— אז דו ווילסט, פונדעסטוועגן, קענסטו באווייזן, כּא־כּא.. אַ שאד, וואס דו עקשנסט זיך וועגן דער רעדע פון דער בימה אראפּ... פונדעסטוועגן האף איך, אז ביז איבעראכטאג שבת וועסטו „ווייכער" ווערן... ניין, זאָגסטו? נו, נו!.. ווי ס'זאל נישט זיין, קענסטו באווייזן... זיי שווייגן די אייזלען! זיי האבן פארשטאנען אַלץ, וואס דו האסט גערעדט פונקט ווי

„אַ האַן אין בני אדם", כאַ־כאַ... כאַטש דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, און דו זאָלסט מיר מוחל זיין... האָסט זיך אַביסל נישט אויפגעפירט מיט זיי ווי ס'געהער צו זיין... זיי זענען, טאַקע, נישט ווערט דיין מיסט. אָבער פונדעסטוועגן... באַלד ווי זיי זענען געקומען... זיי זיצן — און דו שטום, ווי אַ שטיין... נו, דו וועסט דאָך גיין צו יעקבן און וועסט דאָרטן פאַריכטן, ירמיה, כאַ־כאַ... דו וועסט אַליין זען, ירמיה, ווי מ'וועט נאָך בטל ווערן פאַר דיר, אויב דו וועסט נאָר וועלן, ווי זיי וועלן בטל ווערן כפרה דאָרטע פאַר דיר... ממש כפרה דאָרטע... און אויב דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו די היגע מענטשן, וועסטו דאָ לעבן... ווואָרום. אינדערעמתן, וואָס זענען זיי דאָרט דיינע חברים אין .Ń? דאָקטוירים? קאָמיסיאָנערן? דאָך נישט... אַזוי זיך! בחורים!.. און דיין תכלית וועסטו דאָ גיכער באַקומען ווי דאָרטן, אויב דו וועסט נאָר זיין אַ מענטש... אָט דאָרטן, ביי יעקב'ן אין הויז, וועסטו טרעפן דעם עלטערן זון, בורסיפס... ער איז אויך געווען אין .Ń... זעסטו, אָט ער וועט דערגרייכן זיין ציל... אָט דאָס איז פיין... ער האָט אַ פּאַפּיר אויף אַלע זיבן קלאַסן... ער וועט געוויס זיין אַ דאָקטאָר... אָט דאָס פאַרשטיי איך... דו האָסט מיר תמיד געשריבן: זעקס קלאַסן וועסטו ענדיקן... אַ קאַזיאָנע ראַבינער... איך האָב שטענדיק געוואוסט, כאַ־כאַ, אַז סוועט גאָרנישט זיין דערפון... אַ?... נו, נו, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז פאַר דיר געווען שווער... ווי סזאָל נישט זיין, דאַרפסטו פאַר אים נישט בטל ווערן.. ווען דיין טאַטע וואָלט געהאַט דאָס געלט, וואָס זיין טאַטע פאַרמאָגט... דו געפין אויס עפּעס אַ בוך, וואָס ער האָט נישט געלייענט און דו האָסט עס יאָ געלייענט, און ווייז אים פון דאָרטן.. יאָ... וואָס, ירמיה, האָב איך דיך געוואָלט פרעגן... וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסטערלישע מאָדע ביי דיר אַרויסצוגעבן מינוטנווייז, בעת דו רעדסט, עפּעס אַ משונהדיקע זיפצן?...